# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:13
מוצאי שב"ק.....................6:45

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................... נחמיה ט – י
בבלי......................... בבא קמא ק"ז
ירושלמי...................... שבת ס"ו
תוספתא...................... כתובות ז'
רמב"ם....................... שחיטה ג'

פרשת תרומה, ח' אדר א', שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 20 (639)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה. זָאגְט רַשִׁ"י, לִי לִשְׁמִי. מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל נָאר מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגֶע, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז דִי תּוֹרָה. דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְשׁוּגֶע גֶעבְּט מֶען אִים קַמֵיעוֹת אוּן שֵׁמוֹת, אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה דִי קַמֵיעַ וָואס הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי מְשׁוּגַעַת'ן וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל אִין אִים אַריינְבְּרֶענְגֶען, אוּן עֶס מַאכְט אִים פַאר אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט) אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן שׁוֹין אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה יֶעדְן טָאג חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶועט דִי תּוֹרָה זֵיי אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען, אוּן וֶועט זֵיי מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֵויסְט אַז אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז עֶר פַארְטִיג, דִי תּוֹרָה וֶועט אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע צֵיין אוּן נֶעגְל. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין שְׁטַארְק אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, נָאר יֶעדְן טָאג עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר אוּן לֶערְנֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען כָאטְשׁ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט עֶס אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ.

אֵייבִּיג וֶועט דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, עֶר וֶועט אֵייבִּיג אוּנְטֶער רוּקְן אַנְדֶערֶע זַאכְן מִיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פַארְנוּמֶען, דֶער עִיקָּר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אֲפִילוּ פַארְשְׁטֶעלְן וִוי אַ צַדִיק אוּן זָען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועט עֶר פְּרוּבִּירְן אִיבֶּער צוּ וַוייזְן פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַז וֶוען מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה הֵייסְט עֶס נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, נָאר אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט הֵייסְט עֶס גֶעלֶערְנְט. פוּן אוֹיבְן אוֹיף זֶעט אוֹיס וִוי עֶר ווִיל גָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בֶּעסֶער לֶערְנֶען, עֶר זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין. דֶער יֵצֶר הָרַע וֵויסְט אָבֶּער אַז מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טְרַאכְטְן אַז זָאגְן אַלֵיין הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען, וַוייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוּן נִישְׁט אֵייבִּיג הָאט מֶען דִי גֶעדוּלְד צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה, זָאגְט דֶער בַּעַל הַטּוּרִים אַז תְּרוּמָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "תּוֹרָה מ"", דִי תּוֹרָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אִין פֶערְצִיג טֶעג. דִי תּוֹרָה דַארְף דִי אִידְן נֶעמֶען, אוּן דָאס וֶועט זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן רַשִׁ"י זָאגְט, לִי לִשְׁמִי, דִי תּוֹרָה אִיז פִיל מִיט שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי רְפוּאָה אַנְטְקֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל מְשׁוּגֶע מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אָבֶּער עֶס דַארְף זַיין, מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן זַיין הַארְץ, עֶר דַארְף שְׁטַארְקְן זַיין הַארְץ זִיךְ צוּ קֶענֶען אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן דִי אַלֶע דְרֵיידְלֶעךְ מִיט וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל אִים פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ אַז עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּן, וֶועט עֶר מִיט דֶעם בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט וואוֹינֶען בַּיי אִים אִין הַארְץ שְׁטֶענְדִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק תְּרוּמָה תשס"ט לפ"ק)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### מִשֶׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אִין יְרוּשַׁלְמִי (רֵישׁ מַסֶּכֶת מְגִילָה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז אִין גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר קֶען מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹ"ח תרפ"ח, ז') אַז וֶוער עֶס פָארְט אַרוֹיס אוֹיף אַ וַוייטֶע וֶועג אוּן עֶר קֶען נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז פּוּרִים, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען אַ מְגִילָה, קֶען עֶר שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָה פוּן אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אָדָר, אִיז שׁוֹין דָא דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן פּוּרִים.

דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (תַּעֲנִית כ"ו:) "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", גְלַייךְ וֶוען מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין חֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן חֲזַ"ל זֶענֶען מְדַיֵיק "מַרְבִּין" - מֶען דַארְף "פַארְמֶערְן" מִיט שִׂמְחָה, וַוייל בֶּאֱמֶת הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה "תָּמִיד", אַ גַאנְץ יָאר דַארְף

<<<<<<

## א גוט ווארט

הַיינְט ז' אַדָר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס אִיז דִי הִלּוּלָא פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עט) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ דְּבָרִים רַבָּה ז, י) אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: "עֶנְדֶערְשׁ זָאל אִיךְ שְׁטַארְבְּן מִיט נָאךְ הוּנְדֶערְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס, וִוי אֵיידֶער אַ אִיד זָאל הָאבְּן אַ צַעַר, אֲפִילוּ נָאר אוֹיף זַיין נֶעגְל".

אוֹיךְ אִיז הַיינְט דִי יָארְצַייט פוּן הרה"ק רֶבִּי יִצְחָק אַייזִיק מִקַּאלִיב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; עֶס שְׁטֵייט גָארְנִישְׁט קֵיין טִיטְלֶען אוֹיף דִי מַצֵּיבָה, נָאר צְוֵויי זַאכְן: "הָיָה עֶרְלִיכֶער אִיד, וְהָיָה לוֹמֵד עַל הַדַּף". עֶס אִיז יָדוּעַ אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶאר רֶבִּי זִי"עַ הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, אַז וֶוען מֶען זָאל הַיינְט בַּאטִיטְלֶ'ען אַ רֶבִּי אַלְס עֶרְלִיכֶער אִיד וָואלְט עֶר זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט, אוּן עֶס וָואלְט אוֹיךְ נִישְׁט אֱמֶת גֶעוֶוען.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּמּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), דֶערִיבֶּער קֶענֶען מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם טִיטְל "הָיָה לוֹמֵד עַל הַדַּף", אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּם צְוֵוייטְן טִיטְל "וְהָיָה עֶרְלִיכֶער אִיד", וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשע"ז)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זַיין פְרֵיילִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' דר"ח אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (תַּעֲנִית כט.): "מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע יִסּוּרִים, אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה וֶועט אִיר אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת.

מֶען דַארְף טְרֶעפְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ; יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, ג): "'כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ' - מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבְּךָ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען לֵיידִיג זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת אַזוֹי וִוי אַ מִילְגְרוֹם; אַז דוּ וֶועסְט גוּט קוּקְן וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אִין דִיר זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס.

כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען עֶר נִישְׁט קָאנְטְרֶעלִירְן זַיין מֹחַ, זַיין מֹחַ צִיט צוּ נֶעגֶעטִיוְוקֵייט, דֶער מֹחַ טְרַאכְט נָאר שְׁלֶעכְטְס אוּן זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס, אָבֶער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען נֶעמְט אַרַיין אִינֶעם מֹחַ שִׂמְחָה - דֶעמָאלְט אִיז מֶען בַּעַל הַבַּיִת אוֹיפְ'ן מֹחַ. דָאס אִיז פְּשָׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י): "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", שִׂמְחָה אִיז עוֹלָם הַחֵירוּת, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען פְרֵיי פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן מֶען וֶוערְט פָּטוּר פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה, אוּן אוֹיבּ אִיז עֶר בְּעַצְבוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ דַארְף עֶר זֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי טוּמְאָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר כַאפּ אַ טֶענְצְל; הַיינְט אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ טַאנְצְן נָאכְדֶעם וָואס אִין יֶעדֶע שְׁטוּבּ אִיז דָא אַ גַאנְצֶע קַאפֶּעלְיֶע. אַמָאלִיגֶע צַייטְן וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט טַאנְצְן הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען צוּ זִיךְ אַ גַאנְצֶע קַאפֶּעלְיֶע, אַ פּוֹיקֶער, אַ פַּייפֶער, אַ פִידְלֶער וְכוּ' אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקֶענְט טַאנְצְן אוּן פְרֵיילִיךְ זַיין, אָבֶער הַיינְט צִינְדְט מֶען אַן אַ נִגּוּן אוּן מֶען טַאנְצְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶר זָאל טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אַז דוּ וֶועסְט טַאנְצְן יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶען דֶעם פָּנִים פוּן גֵיהִנּוֹם".

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ נָאךְ אִינֶעם אַלְטְן בִּנְיָן וואוּ מֶען הָאט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּער הֶערְן פוּן אֵיין שְׁטָאק צוּם צְוֵייטְן וַוייל דִי פְלָאר אִיז גֶעוֶוען פוּן הָאלְץ, פַארְצֵיילְן זֵיי אַז וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַרִיבֶּער גֵיין שְׁוֶוערֶע צָרוֹת הָאט מֶען גֶעקֶענְט הֶערְן אִין יְשִׁיבָה וִוי מוֹהֲרָא"שׁ טַאנְצְט פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַז דֶער רַבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י): "כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין", דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן - אִיז דָאס פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, אַז מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פַּאטְשְׁט נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן זִיךְ אוּן פוּן אַנְדֶערֶע.

אַז דוּ זוּכְסְט מַמְתִּיק צוּ זַיין דִי דִינִים וָואס גֵייעֶן יֶעצְט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וְכוּ' זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, כַאפּ אַ טֶענְצְל, פַּאטְשׁ מִיט דִי הֶענְט אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן זָארְגְט פַאר דִיר וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן אִין לִימּוּד מִשְׁנָיוֹת; נֶעם מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת'ל - אַזוֹי וִוי עֶס טוּעֶן אַלֶע תַּלְמִידֵי 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', אוּן וֶוען מֶען הָאט אַפָּאר מִינוּט כַאפְּט מֶען אַרַיין נָאךְ אַ מִשְׁנֶה. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארִימֶען אוּן זָאגְן: "וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער עֶס אִיז אַ תַּלְמִיד 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ'? וֶועם מֶען זֶעט מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת".

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְרוּפְן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ נָאר אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג; אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג וֶועט דָאס דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לוֹיפְן קוּקְן עֲבֵירוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשע"ט)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

מֶען אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ; נָאר חוֹדֶשׁ אָדָר דַארְף מֶען נָאךְ מֶער פַארְמֶערְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶערְפַאר פִירְט מֶען זִיךְ אַז וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר, הֶענְגְט מֶען אוֹיף גְרוֹיסֶע טָאוְולֶען "מִשֶּׁנִּכְנַס אָדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", צוּ דֶערְמַאנֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מַמְשִׁיךְ אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמְט אַרָאפּ אִין דִי טֶעג.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בֵּיצָה ט"ו:) "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אֶדֶר, שֶׁנֶּאֱמַר אַדִּיר בַּמָּרוֹם ה'", בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט עֶס אַז וֶוער עֶס וִויל אַז זַיינֶע פֶעלְדֶער זָאלְן גוּט וַואקְסְן, זָאל עֶר אַיינְפְלַאנְצְן אַ גֶעוִויסֶע גְרָאז וָואס הֵייסְט "אָדָר"; דָאס אִיז אָבֶער אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂמְחָה, ח"ב, א) "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס. אוּן דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל "הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו", וֶוען אֵיינֶער וִויל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, "יִטַּע בָּהֶן אָדָר", זָאל עֶר בַּיי זִיךְ אַיינְפְלַאנְצְן דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן דִי שִׂמְחָה וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין.

### בִּין אִיךְ טַאקֶע פְרֵיילִיךְ?

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ? וֶוען דִי שִׂמְחָה גִיסְט זִיךְ אִיבֶּער, אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ. דֶערְפַאר זֶענֶען דִי מִצְוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אָדָר זֶענֶען פוּל מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר טוּן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט שַׁבָּת שְׁקָלִים, וָואס מֶען רוּפְט שׁוֹין אוֹיס צוּ גֶעבְן שְׁקָלִים, צוּ גֶעבְן צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ עֶרֶב פּוּרִים פִירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל פַאר צְדָקָה, אוּן דֶערְנָאךְ פּוּרִים אַלֵיינְס אִיז דָאךְ פִיל נָאר מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד; מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, סְעוּדַת פּוּרִים מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פְרַיינְד, אוּן אוֹיךְ פוּן פּוּרִים וָואס אִיז דְרַייסִיג טֶעג פַאר דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הֵייבְּט מֶען שׁוֹין צוּזַאם נֶעמֶען קִמְחָא דְפִסְחָא פַאר אָרִימֶעלַייט אוֹיף פֶּסַח; קוּמְט אוֹיס אַז גַאנְץ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז פַארְבִּינְדֶען מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, וִויל עֶר אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מִיט צְדָקָה וָחֶסֶד.

### תְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחָה

אַזוֹי וִוי חֹדֶשׁ אֶלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה, מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין בְּדִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְשְׁרַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער חוֹדֶשׁ אָדָר אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אָבֶער יֶעצְט אִיז עֶס תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה אוּן מִיט שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ צוּם חוֹדֶשׁ נִיסָן וָואס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ הַגְּאֻלָּה, בְּנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל, אוּן מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ קֶען מֶען פַארְעֶכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (הַשְׁמָטוֹת לְחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן) אַז אָדָר אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת. קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט לוֹיט וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל"א.) אוֹיף דֶעם פָּסוּק ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת, פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא "רֹאשׁ דְּבָרְךָ וְלֹא סוֹף דְּבָרְךָ?" - נָאר דִי אָנְפַאנְג וֶוערְטֶער זֶענֶען אֱמֶת, אוּן דִי סוֹף נִישְׁט? זָאגְט דִי גְמָרָא "אֶלָּא מִסּוֹף דְּבָרְךָ נִיכָּר שֶׁרֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת", פוּנֶעם סוֹף זֶעהְט מֶען אַז דִי אָנְפַאנְג אִיז אוֹיךְ אֱמֶת.

דָאס קֶען זַיין אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז, אָדָר אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַז חוֹדֶשׁ אָדָר וָואס אִיז דֶער לֶעצְטֶער חוֹדֶשׁ פוּנֶעם סֵדֶר הַחֳדָשִׁים, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, אִיז מֶען מִיט דֶעם מְתַקֵּן דִי אַלֶע חֳדָשִׁים וָואס מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, וַוייל פוּן דֶעם לֶעצְטְן חוֹדֶשׁ, וֶוען מֶען אִיז דֶעמָאלְט פְרֵיילִיךְ, וַוייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי מֶען וָואלְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְט דִי גְמָרָא (יוֹמָא פ"ו:) אַז דֶעמָאלְט וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִצְוֹת; דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָדָר אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בְּשִׂמְחָה וֶוערְט מְקוּיָּם ר'אשׁ דְ'בָרְךָ אֱ'מֶת, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט, אַז פוּן סוֹף יָאר וֶוערְט דִי גַאנְצֶע יָאר אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ מִצְוֹת.

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵייליךְ?

צוּ זַיין פְרֵייליךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת זֶענֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער צוּ טוּן וִוי צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט דִי מוּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵייליךְ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, זָאל עֶר נָאךְ אַלְץ זַיין פְרֵייליךְ. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵייליךְ אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין קוּנְץ, נָאר פַארְקֶערְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין פְרֵייליךְ, דֶעמָאלְט דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד.

שִׂמְחָה קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶעלְפְט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט אִיז נִישְׁט פוּנְקְט גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, נָאר יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵייליךְ.

נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תּוֹרָה מִיט מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, וִויפִיל יָאר לֶעבְּט שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט? "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה", אוּן אַז מֶען כַאפְּט נָאךְ אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי עֶטְלִיכֶע יָאר, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

פַארְוָואס הִיט מֶען שַׁבָּת? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס עֶסְט מֶען כָּשֵׁר'ס? וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן. פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר? פַארְוָואס קוּשְׁן מִיר דִי מְזוּזָה? וַוייל אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע מִצְוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט, קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶערְמִיט, אוּן דָאס וַוייזְט אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רִשְׁעוּת פוּן הָמָן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְדָתֵיהֶם שׁוֹנוֹת מִכָּל עָם, הָמָן הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ יֶעדֶע פָאלְק אוּן לַאנְד הָאט אוֹיךְ גֶעזֶעצְן, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט פְרֵייליךְ עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין; בַּיי דִי אִידְן אָבֶּער, וֶוען זֵיי טוּעֶן מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵייליךְ, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרֶענְקְט פַאר הָמָן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵייליךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ.

דָאס קֶען מֶען טַאקֶע זֶען אַז דִי גֶעזֶעצְן פוּנֶעם לַאנְד זוּכְט מֶען נָאר וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן, וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וֶועט מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן אָבֶּער דִי תּוֹרָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵייליךְ דֶערְמִיט.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵייליךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט זֶען דֶעם גֵיהִנוֹם", אוּן יֶענֶער הָאט עֶס טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

### דֶער עִיקָר אִיז פְרֵייליךְ

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלְסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכֶל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם [עֶרְנְסְט]; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן אַבִּיסֶל פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵייליךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, צוּ הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵייליךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵייליךְ פַאלְט שׁוֹין מִמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז פְרֵייליךְ אִין חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן נָאךְ מֶער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ פְרֵייליךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ חֹדֶשׁ אָדָר וְעֶרֶךְ שִׂמְחָה חֵלֶק ז' ח' י' י"ג)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# קְרִיאַת שְׁמַע אִיז אַזוֹי וִוי אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייךְ פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיךְ פוּן מוֹהֲרָא"ש זִי"עַ, אָבֶּער מִיט אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת אִיז דָאס פִיל מֶער לֶעבֶּעדִיג, אִיר בְּרֶענְגְט עֶס אַרָאפּ אוֹיף אַזַא פָּשׁוּט'ֶע אוּן אֶמֶת'ֶע אוֹיפְן, אַז עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס נִישְׁט מְקַיֵּים צוּ זַיין.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן אָז עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן דֶעם לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט וִוי "עֶפְּל סָאוּס", אַז מֶען זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט דַארְפְן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַרַיינְצוּבַּייסְן אִינֶעם הַארְטְן עֶפְּל, נָאר מֶען זָאל עֶס קֶענֶען גָאר גְרִינְג עֶסְן, וִוי מֶען גֶעבְּט פַאר אַ קִינְד צֶערִיבֶּענֶע עֶפְּל וָואס אִיז אִים גְרִינְג צוּ עֶסְן. בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מֶען זָאגְן אַז אִיר הָאט עֶס גֶעמַאכְט נָאךְ גְרִינְגֶער, מַמָשׁ וִוי "עֶפְּל דְזְשׁוּס", מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט נֶעמֶען אַ לֶעפְל צוּ עֶסְן דִי צֶערִיבֶּענֶע עֶפְּל, מֶען קֶען עֶס מַמָשׁ אוֹיסְטְרִינְקֶען אַזוֹי גְרִינְג וִוי מֶען טְרִינְקְט "עֶפְּל דְזְשׁוּס".

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ גֶעהֶערְט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט לֶעצְטְנְס בַּיי אַ דְרָשָׁה וֶועגְן זָאגְן דִי בְּרָכָה פוּן "הַמַּפִּיל", אַז אַזוֹי וִוי מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן אָן אַ בְּרָכָה, טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן אַ בְּרָכָה. לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל וֶוען אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַרַיין אִין בֶּעט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ גָארְנִישְׁט, אוּן דֶערִיבֶּער לֵיין אִיךְ קְרִיאַת שְׁמַע אַ שָׁעָה צְוֵויי פְרִיעֶר, אָבֶּער אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶעמָאלְט זָאגְן "הַמַּפִּיל", וַוייל אִיךְ וִויל נָאךְ רֶעדְן, וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ פִירְן מִיט דֶעם?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיבֶּער קְדוּשָׁה. פוּן אֵיין זַייט וֵייס אִיךְ דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן רֶעדְן אוּן אוֹיפְקְלֶערְן דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל אִיךְ נִישְׁט אַרֵיינְלֵייגְן אִין זֵיי צוּפִיל פְּחָדִים אַז זֵיי זָאלְן צוּפִיל טְרַאכְטְן פוּן דֶעם.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אִין אוּנְזֶער דוֹר – מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מוֹהֲרָא"ש נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת אוּן בְּרֶענְגְט דָאס אַרָאפּ פַאר אוּנְז פָּשׁוּט'ֶע מֶענְטְשְׁן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְּן מִיט דִי אַלֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן דָאס נָאךְ מֶער אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹחוֹת אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אַייעֶר קְלֵיין אִינְגֶעלֶע לֶעבְּט מִיט אַזַא אֱמוּנָה, יֶעדֶעס מָאל מֶען לֵייגְט אִים אַרָאפּ דָאס עֶסְן זָאגְט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיין "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זֶעט מֶען נִישְׁט אַזַא זַאךְ, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט אַזַא אֱמוּנָה, אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן בֶּעטְן זֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

בְּנוֹגֵעַ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זָאגְן הַמַּפִּיל וְכוּ׳; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וִוי חָשׁוּב קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה אִיז, וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים; נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילּוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַארְן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ מֶעסֶער וָואס אִיז שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן אוּן אַזוֹי הַרְגֶ׳עט עֶר אוֹיס אַלֶע מַזִּיקִין; זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע גֶענוּג פְּרִי, אֲפִילּוּ דוּ גֵייסְט נָאךְ נִישְׁט שְׁלָאפְן, וַוייל אַז מֶען שְׁטוּפְּט דָאס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען אַיינְשְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע. בִּרְכַּת הַמַּפִּיל זָאגְט מֶען גְלַייךְ פַאר מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין סִדּוּר עֵת רָצוֹן.

בְּנוֹגֵעַ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וְכוּ׳; מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן מְנֻוָּלִים, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: "מִן הַזְּהִירוּת – לֹא לְהִזָּהֵר כָּל כַּךְ", אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן אִיז נִישְׁט צוּ סַאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן; פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען טַאקֶע אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְן פוּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳ אוּן מֶען דַארְף זֶען זֵיי זָאלְן זַיין בַּאקְוֶועם צוּ רֶעדְן מִיט טַאטֶע מַאמֶע וֶוען עֶפֶּעס שְׁטֶערְט זֵיי. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קֶענֶען קִינְדֶער נִישְׁט אַרוֹיס גֶעבְן זֵייעֶרֶע גֶעפִילְן וְכוּ׳ אָדֶער דֶערְצֵיילְן וָואס שְׁטֶערְט זֵיי וֶוען זֵיי זֶעהֶן וִוי מֶען מַאכְט זֵיי אַוֶועק אוּן מֶען הֶערְט זֵיי נִישְׁט אוֹיס, דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר קִינְדֶער. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ לֶעבְן, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְן מִיט פְּחָדִים אַ גַאנְצְן טָאג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט כְּדֵי מֶען זָאל לֶעבְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כה:): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", נִישְׁט מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֵיין מִיט פְּחָדִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְן**
**נַחַת פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשע"ט)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **שמואל פולק** הי"ו ירושלים
**וואס איז געווארן א חתן למזל טוב עב"ג**

***

מו"ה **אשר לעמל זוסמאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **משה רעכניצער** הי"ו בני ברק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נפתלי רייכמאן** הי"ו טבריה
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳
# אויפגעכאפטע גליון "שיעורי חינוך" צייכענט אפ א גאנצע יאר

אין די טעג ווערט אפגעצייכענט א גאנצע א יאר צייט פון ווען די הערליכע גליון "שיעורי חינוך", איינע פון די פילע גליונות פון היכל הקודש האט אנגעהויבן ארויסקומען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין א בריוו די וואך צו דעם מוציא לאור שטארקע דברי חיזוק אז ער זאלן זיך שטארקן ביתר שאת וביתר עוז ווייטער ממשיך זיין צו מיט די הייליגע ארבעט, דער ראש ישיבה שרייבט צווישן אנדערע "יעצט איז געווארן א יאר פון ווען דו האסט אנגעהויבן ארויסגעבן דעם הערליכן גליון שיעורי חינוך. דער גליון האט געמאכט א גרויסע מהפיכה אין די וועלט; אפילו די וואס ווילן נישט אריינעמען אין האנט א ברסלב'ע צעטל - אבער דעם גליון נעמט מען יא, ווייל אלע דארפן עצות אויף חינוך; אלע זענען פארלוירן אין דעם ענין". דער ראש ישיבה שרייבט ווייטער "די וועלט דארף רחמי שמים; עס בלאז לינקע ווינטן, און די חינוך פון אונזערע קינדער איז אין א סכנה, מען דארף האבן דעם רבינ'ס עצות און שכל וויאזוי מחנך צו זיין די קומענדיגע דורות מיט יראת שמים און קדושה וטהרה".

ווי די ארויסגעבער דערציילן הערט מען צוריק גריסן פון אלע שיכטן און קרייזן אין כלל ישראל, זאל עס זיין חסידישע, ליטוויש'ע, אשכנזיש'ע, ספרדיש'ע, מען הערט צוריק פון טאטעס פון מאמעס, פון מלמדים, און פון מיידל שולעס, ווי זיי זענען מחיה מיט די געוואלדיגע גליונות וואס עס קומט זיי צוניץ מידי יום ביומו און דאס איז ממש זייער וועג ווייזער צו מחנך זיין די קינדער וכו׳ זעענדיג דערין א געוואלדיגע נחיצות און מאכן זיכער נישט צו פארפאסן קיין איין גליון וואס האט שוין פילע פון זיי געשטעלט אויף די פוס.

פילע מוסדות זענען פארלוירן, זיי ווייסן נישט ווי זיך אהין צו טון, מען רופט פעדאגאגן, פסיכאלאגן, מומחים און טעראפיסטן אויסצולערנען די מלמדים וויאזוי צו פירן א כתה, מען לויפט זיי נאך, און מען צאלט זיי וויפיל עס לאזט זיך, מען פרובירט זיך אנצוכאפן אין א שטרוי כדי געראטעוועט צו ווערן פון די מבול פון הפקרות וואס האט ארום גענומען די וועלט, און דא באגעגענען זיי א גליון אראפגעלייגט די יסודות פון חינוך אזוי שיין און קלאר מיט קלארע עצות און שכל וויאזוי מען קען זיך אפגעבן מיט די קינדער, און אלעס איז גענומען פון די תורה. דערפאר כאטש מען וואלט געקענט מאכן א גליון פון נאך טויזענט נושאים, אבער דוקא די נושא פון חינוך האט געמאכט א מהפכה וואס מען האט זיך נישט געקענט אליינס פארשטעלן.

מיטן אויבערשטענ'ס הילף האפן די ארויסגעבער מיט די צייט צו מסדר זיין די פילע גליונות און קונטרסים און דערנאך מאכן דערפון אין שיינע ספרים וואס וועט באלייכטן טויזנטער אידישע שטיבער, און מהנה זיין כלל ישראל מיט דעם גרויסן אוצר.

יעצט ווען עס איז געווארן א יאר פון ווען מען איז אריינגעשפרינגען אין דעם פראיעקט דאנקט מען דעם אויבערשטן אויף די געוואלדיגע זכי׳ אז מען האט געקענט האבן א חלק אין די געוואלדיגע זיכוי הרבים שאין כדוגמתו.

און דא איז טאקע דער פלאץ זיך צו באדאנקען פאר די מוציאים לאור פון דעם געוואלדיגן גליון און פאר אלע וואס העלפן זיי צו סיי מיטן עס איבערטייטשן אויף לשון הקודש פאר די אלע וואס פארשטייען נישט די אידישע שפראך און סיי פאר די מגיהים און אויסשטעלערס און אזוי ווייטער, דער אייבערשטער וועט זיי אוודאי באצאלן מיט אלעם גוטן.

עס דארף ארויסגעברענגט ווערן א געוואלדיגע מוסר השכל פון דעם גליון, וואס איז צושטאנד געקומען פון עטליכע אינגעלייט תלמידים פון דער ראש ישיבה שליט"א וואס האבן געטראכט א געדאנק - אזוי ווי נאך אסאך מענטשן - אבער האבן עס גענומען מכח אל הפועל, און פון דעם דארפן מיר זיך אלע אפלערנען, מען זאל בעטן דעם אויבערשטן אז מען זאל קענען אויספירן די געדאנקען וואס מען האט אויף למעשה, וואס פון דעם קען ארויסקומען גאר אסאך כבוד שמים.

אויך דארף מען דא דערמאנען אלע תלמידי היכל הקודש, יעדער איינער זאל נעמען א חלק אין פארשפרייטן די הייליגע עצות וואס מען באקומט יעדער איינער אויף זיין וועג, איינער קען מאכן הפצה מיט די גליונות, איינער קען דרוקן, און איינער קען געבן געלט פאר הפצה, וואס מיט דעם האט מען א חלק אין די גאולה.

## ס... מ...

**סע... פאסט נישט, מע... האט נישט געהאלטן פון דעם.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**2,1,10,1,75**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

< BreslevCenter.com >